## א גריס פון

# בית פיגא

**פרשת וישב**

**כו' כסלו תשפ"א**

**יאר 1 גליון 4**

## ספר המדות ווינקל

**ווייז וויפיל דו קענסט!** ברענג אריין דיינע ענטפערס אין אפיס

1) ווי שטייט און ספר המדות אז מען מעג טוישן די אמת כדי עס זאל זיין שלום?

2) וועם האט א ליגענער פיינט?

3) וואס ווערט באשאפן פון די מויל פון א ליגענער?

## אבריוו פון די ראש ישיבה

לכבוד די עלסטע קלאס בית פיגא ווילמסבורג,

איך האב באקומען פון אייער לערערין תחי' אייערע בחינת אויף הלכות שבת הלכות מוקצה, איך האב זייער הנאה צו זען אז איר לערנט און קענט גוט די הלכות.

הלכות שבת מוז מען לערנען און גוט קענען, אויב מען לערנט נישט, ווייסט מען נישט ווי זיך צו פירן, מען קען צוקומען צו חילול שבת רחמנא לצלן, דער הייליגער צדיק רבי יונתן אייבשיץ זכר צדיק לברכה שרייבט (יערות דבש חלק ב', ב): "ווער עס האט נישט דורכגעלערנט הלכות שבת אפאר מאל איז נישט מעגליך ער זאל נישט עובר זיין אויף הלכות שבת", עיין שם.

איך האב באקומען די שאלות וואס איר פרעגט איך וועל אריין שיקן פאר אייערע לערערין די ענטפערס.

## נייעס פון בית פיגא

~די וואך מאנטאג איז פארגעקומען די הערליכע נחת אווענט, ווי אלע מאמעס זענען געקומען שעפן הויפנס נחת פון זייערע וואוילע, דרך ארץ'דיגע קינדער! מען האט געוויזן וואס עס טוט זיך אין די ווענט פון בית פיגא, ווי די טיטשערס ברענגען אריין פשוטע אמונה אין די קינדער, און מיידלעך פון די עלסטע קלאס פארציילן וואס זיי האבן באקומען פון די הייליגע בית פיגא סקול! דערנאך האבן די מאמעס געהאט די געלעגנהייט צו רעדן צו די טיטשערס און באקומען גוטע גריסן און הערליכע נחת קארטלעך.

~די עלסטע קלאס פון שטעטל האט די וואך אנגעהויבן צו לערנען נייען מיט מרת וועבערמאן!

## די פרשה לערנט מיר

יעקב אבינו בעט יוסף צו גיין צו די ברודערס אין שכם, און יוסף האט זייער מקפיד געווען אויף כיבוד אב ואם, און געפאלגט זיין טאטע אפילו ער האט געוואוסט אז די ברודערס זענען ברוגז אויף אים און ס'איז א סכנה פאר אים צו גיין...

א ברסלב'ע מיידל איז א מיידל וואס ביי איר איז איר טאטע און מאמע די חשוב'סטע זאך!

מוהרא"ש זאגט: ווי אזוי מען פירט זיך צו טאטע מאמע, וועלן די קינדער זיך פירן צו דיך.

*~ מרת אייזנער*

**בעט פאר הילף**

הערט א שיעור פון מרת פרידריך

212-444-9169

2,4,3,66

## מזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר:

**שרה'לע מייזעלס**

**(פעלבערבוים)**

צו איר חתונה!

**א גוט שבת!**

זמן שבת: 4:13

זמן מוצש"ק: 5:41



# מעשיות פון תפילה

**מירל פעלבערבוים:**

איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען קומען אין ברסלב'ע סקול, און ש'כח אייבערשטער אז די וואך האבן אונז געהאט א חתונה האב איך געקענט קומען פון טאהש צו ברסלבע סקול!

**צווייטע קלאס**

**לאה'לע איידליס:**

איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל געוואונען די דאוועגען גורל, און ש'כח אייבערשטער איך האב עס געוואונען!



**פערדע קלאס**

**פייגא חנה מזרחי:**

איך האב געהאלפן מיין מאמע, איך האב אנגעטון מיין בעיבי שוועסטער, און איך האב נישט געקענט טרעפן די סנעפס צו צומאכן איר סטרעטשי. האב איך געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס טרעפן און איך זאל איר שוין קענען אנטון און ש'כח אייבערשטער אז איך האב עס געטראפן און איך האב איר געקענט אנטון!

**ערשטע קלאס**

**גיטי יאקאבאוויטש:**

אינמיטן אונזער שיינע שבת'דיגע סעודה, איז א נעפקין געגאנגען אויף די לעכט. עס האט אנגעהויבן צו ברענען. איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל זיך שנעל אויסלעשן און ש'כח אייבערשטער עס האט זיך אויסגעלאשן!



**עלטסטע קלאס**

# מעשה פון א צדיק

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן, אוּן עֶר הָאט גֶע'טַעֲנֶה'ט צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב: "וֶוער הָאט אֵייךְ אוֹיסְגֶעזָאגְט דַיין נַייעֶם וֶועג, מִיר הָאבְּן אֵייבִּיג גֶעווּאוּסְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט זוּכְן קֵיין נַייעֶ וֶועגְן מֶען דַארְף נָאכְגֵיין דִי מְסוֹרָה, ווִי אַזוֹי קֶענְט אִיר קוּמֶען מִיט נַייעֶ זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט?!"

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט קֵיין שׁוּם נַייעֶ זַאכְן, **"אִיךְ בִּין נָאר גֶעקוּמֶען דֶערְמַאנֶען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דוּ הֶערְסְט אַ טָמֵא'נֶער גוֹי רֶעדְן אִיז דָאס אוֹיךְ עֶפֶּעס אַ שְׁלִיחוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".**

וֶוען דֶער גָאוֹן הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז עֶר אוֹיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן זַיין פְּלַאץ אוּן גֶעזָאגְט: "חַס וְשָׁלוֹם! חַס וְשָׁלוֹם!" ווִי אַזוֹי קֶענְט אִיר זָאגְן אַזַא זַאךְ, אַז אַ טָמֵא'נֶער גוֹי אִיז אַ שָׁלִיחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

אִין יֶענֶע מִינוּט הָאט אַ גוֹי וָואס פַארְקֶעפְט קְלֵיינֶע צוּבְּרָאכֶענֶע זַאכְן אַרֵיינְגֶעקְלַאפְּט אוֹיפְ'ן טִיר פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן גֶעפְרֶעגְט: "אֶפְשָׁר אִיז דָא עֶפֶּעס צוּ פַארֶעכְטְן דָא?", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל "קֶענְסְט גֵיין, בַּיי מִיר אִיז בָּרוּךְ ה' אַלֶעס פַארַאכְטְן, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא צוּ פַארֶעכְטְן דָא", אָבֶער דֶער גוֹי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן נָאר עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט: "אֶפְשָׁר אִיז דֶער טִישׁ אַבִּיסְל צוּבְּרָאכְן?", זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "נֵיין, דֶער טִישׁ אִיז בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר גוּט עֶס אִיז גָארְנִישְׁט צוּבְּרָאכְן", דֶער גוֹי פְרֶעגְט וַוייטֶער: "אֶפְשָׁר אִיז דֶער בֶּעט אַבִּיסְל צוּבְּרָאכְן?", זָאגְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "נֵיין, דֶער בֶּעט אִיז בָּרוּךְ ה' אוֹיךְ זֵייעֶר פֵיין", דֶער גוֹי לָאזְט נִישְׁט אָפּ, עֶר פְרֶעגְט וַוייטֶער: "אָבֶּער דָאךְ, קוּק גוּט אִיבֶּער, אֶפְשָׁר אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס מֶען דַארְף דָא פַארֶעכְטְן" דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב עֶנְטְפֶערְט אִים וַוייטֶער: "קֶענְסְט גֵיין, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעקוּקְט אוּן אַלֶעס אִיז בָּרוּךְ ה' פַארַאכְטְן אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן אוֹפָן" דֶער גוֹי אִיז זִיךְ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט מִיט עַגְמַת נֶפֶשׁ.

רוּפְט זִיךְ דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָן צוּ דֶעם גָאוֹן וָואס הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה: "יֶעצְט זֶעט אִיר דָאךְ קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען שִׁיקְן אַ גוֹי פַאר אַ שָׁלִיחַ מִיר צוּ דֶערְמַאנֶען תְּשׁוּבָה צוּ טוּן!"

וֶוען דֶער גָאוֹן הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעזָאגְט: "אַלֶעס קֶען אִיךְ נָאךְ אָנְנֶעמֶען פוּן אַייךְ, וָואס אִיר זָאגְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעט נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער דָאס וָואס אִיר זָאגְט אַז אֲפִילוּ אַ טָמֵא'נֶער גוֹי קֶען זַיין אַ שָׁלִיחַ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס קֶען אִיךְ נִישְׁט אָנְנֶעמֶען!"

עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: **"קֶענֶען, קֶענְסְטוּ דָאס אָנְנֶעמֶען, נָאר דוּ ווִילְסְט נִישְׁט, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט ווִילְן וֶועסְטוּ קֶענֶען!".**

אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים שְׁטֶעלְט אַ גוֹי אָפּ דֶעם וָואגְן פוּנֶעם גָאוֹן אוּן זָאגְט וֵויינֶענְדִיג: "אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר קוּמֶען הֶעלְפְן, מַיין וָואגְן מִיטְן פֶערְד הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אַלֶע פְּרוּכְט הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן, בִּיטֶע קוּמְט מִיר הֶעלְפְן צוּרִיק אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דֶעם וָואגְן".

זָאגְט אִים דֶער גָאוֹן: "דוּ זֶעסְט נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין אַן אַלְטֶער שְׁוַואכֶער מֶענְטְשׁ? אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן אוֹיפְהֵייבְּן אַ וָואגְן", דֶער גוֹי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן: **"קֶענֶען, קֶענְסְטוּ מִיךְ הֶעלְפְן, נָאר דוּ ווִילְסְט נִישְׁט הֶעלְפְן!"** וֶוען דֶער גָאוֹן הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: "דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער הָאבּ אִיךְ דָאךְ גֶעהֶערְט פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב אַפָּאר מִינוּט צוּרִיק, יֶעצְט הֶער אִיךְ דָאךְ מַמָשׁ אַ שְׁלִיחוּת פוּן הִימְל דוּרְךְ אַ גוֹי", עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט וַוארְטְן בִּיז עֶס קוּמְט נָאךְ אַ וָואגְן וָואס וֶועט הֶעלְפְן דֶעם גוֹי, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר גְלַייךְ צוּרִיק פָארְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב.

עֶר אִיז גְלַייךְ צוּרִיקְגֶעפָארְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט שׁוֹין גֶעוַוארְט אוֹיף אִים אִינְדְרוֹיסְן, אוּן אִים גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "בִּיזְט שׁוֹין מִן הַסְתָּם אוֹיךְ גֶעווּאוּיר גֶעוָוארְן וָואס אַסַאךְ אַנְדֶערֶע הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער גָאוֹן אִיז שׁוֹין דָארְט גֶעבְּלִיבְּן לֶערְנֶען בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים.